# צרות ווירמיישא

## בשנת שצ"ו

העתקתי מתוך כתב יד

אני

יהודה המכונה ליב לאָוונשטיין.

# הערת המו״ל.

הצרות והמצוקות הרבות שנתהוו לרגלי „מלחמת שלשים שנה״ השיגו ביחוד את העיר ווירמיישא. — בשנת שצ״ו (1636) חנו בעיר הזאת שתי מחלקות היל צבאות הקיסר, ועל תושבי העיר היה לכלכלם די צרכם. עת צרה היתה אז לעדת ישראל דק״ק ווירמיישא, כי היהודים הוכרחו לשאת בעול המסים אשר הושמו על העיר הרבה יתר מכפי אשר עלה על חלקם. רבים מנכבדי היהודים נתפשו בפקודת בית מועצות העיר במאסר וחופשה נתנה להם רק אחרי אשר נפדו בכסף רב. — ע״י מכתב הקיסר אשר הגיע ליהודים ביום 16 מאי 1636 היתה להם מעט הרוחה. (המכתב הזה נדפס בספר השנתי, „געשיכטע דער יודען אונד דעס יודענטהומס״, לייפציג 1860 צד 284; 1861 צד 377. עי׳ עוד: בעקקער, „בייטראֶגע צור געשיכטע דער פרייא־ אונד רייכסשטאדט ווארמש״, ווארמש 1880 צד 182 והלאה).

העלים האחדים אשר הנני נותן בזה לפני הקוראים המה העתקה נאמנה מגוף הכ״י הנמצא בבית העדה ליהודים דק״ק ווירמיישא, כאשר רשם אותם על הספר עד ראיה בעת ההיא. הסופר הזה יתאר לנו בתארים נאמנים את התלאות הגדולות אשר סבלו היהודים, כי דרשו מאתם מסים וארנוניות יתר מכפי יכלתם.

היום יו׳ ה׳ י״ז שבט שצ״ו לפ״ק הבין עירונים בכאן דען אובירשטן ראנפט אוברשטר לייטן אמפט[1]) בייא הערצוג פ[לורענץ] איבר ווישן אום ד׳ אלפי׳ זהובי׳ דז ער זול בייא יהודים איין נעמין, אוני אים איין דיקרעט גישיקט זול אלי עקסקוציאן מיט אין פור נעמין, אז אך תכף דען אובירשט רנפט תכף מיט גיזומי׳ נוראים מיט איין קוואטירן, קהל יצ״ו אויף גילייגט אין צווישן שבת צו ביצאלין אוני׳ דיא ד׳ אלפים זהו׳ ריכטיג צו . . . אנזא הבין קהל יצ״ו אין איינר אייל ניט קענן ערכות מכין וויא מן עש גובה זול זיין גייארט הבין זיך מ[רצה] גיוועזן דז איין איטליכר בעל בית זול געבן וויא מן איין איבר שלאג איצונדרט מאכט, אליינט עש זול אין הלוואה זיין אויף דען נייאן ערך דען מן בקרוב מכין וויל אוני׳ וויא עש על ידי דין אוים גימאכט ווארט זול עש פור חשבנות ווארדן אוב איינר צו פיל אודר צו ווניג געבן זול עש [אוים] גימאכט ווארדן.

אח״כ איז רילי׳ גאנגען צום ראש הנ״ל אוני׳ יהודי׳ ווידר אויף ב׳ אלפי׳ פור וויזין בשם העירוני׳, דיא עירוני׳ הבין עש ניט גישטיין וואלין דאן דען פשר צווישן קהל אוני׳ עירוני׳ איז אויף ד׳ אלפי׳ זהו׳ גוויזן, הבן קהל דוך יום א׳ כ״א[2]) שבט דורך גרושי השתדלות נוך אלף זהו׳ מוזין ערליינגן, איז ס״ה ה׳ אלפי׳.

יום א׳ כ״א שבט הנ״ל הבין עירוני׳ דען אוברשטי וואבל[3]) אך אויף ה׳ אלפי׳ זהו׳ אויף יהודי׳ פור וויזין, הוט מן ווידר איין אנדרי נתינה גובה גיוועזן, וויא דא הינטן דיא נתינות פור צייכינט זיינן.

אח״כ הוט מן גיזעהן דז מן ניט גינוגין הבין קאן מיט דער אנדר נתינה הבין דעש וועגין קהל יצ״ו יו׳ ג׳[4]) ה׳ אדר ראשון גימאכט דז מן זול משלים זיין די אנדר נתינה אז וויא דיא ערשט נתינה אך.

יו׳ ה׳ ח׳ אדר ראשון שצ״ו צווישן צוויא אוני׳ דרייא אויער, הבין עירונים נוך קהל גישיקט אוני׳ אין פור גיהאלטין אוני׳ איין ניצויינט קהל יצ״ו זולין אלי וואוך געבן לסיועת הריקים אלף ר״ט, אודר וואלן אנדרי מיטיל פור נעמין (איז קיין בישייד פון קהל דרויף גיווארדן)[5]).

יו׳ ב׳ י״ג אדר ראשון הבין עירוני׳ ווידר נוך קהל גישיקט אוני׳ אין איין אנדרי בישייד אן גיצייגט זולין מהיום אן כל שבוע געבן ב׳ אלפי׳ ר״ט פור ב׳

---

1) Lieutenant.

2) Wahrscheinlich hier, wie beim folgenden Datum, Schreibfehler für כ׳ שבט d. i. 27. Januar 1636.

3) Oberst Webel.

4) Soll wahrscheinlich יום ב׳ heissen.

5) Die mit ( ) versehenen Stellen sind von anderer Hand geschrieben.

רעגימענט אונ׳ כל חדש זול מן דען . . . איבר ב׳ רעגימענט געבן ב׳ אלפי׳ ר״ט אונ׳ עשרה פודיר יין (קהל זיך ניקש מרצה גיוועזן).

הבין קהל יצ״ו דורך ר׳ זעקלי נייבורג[1]) אונ׳ ר׳ אנשיל אופנהיי׳[2]) גישיקט דען עירוני׳ אויף איין חש[בון] וויא זיא ווארדן אים סך מיט אין צו פרידן ווארדן תקפ״א זהו׳ ו׳ צלמי׳, איז דעם לעטר קרעמיר גיליפירט ווארדן וועגין דען עירוני׳, אויף ר״ע[3]) גיהייש, יום ב׳ י״ט אדר ראשון שצ״ו איין פט[קא] דריבר געבן ווארדן.

איז יו׳ ב׳ י״ט אדר הנ״ל דעם ר״ע אויף השתדלנות געבן ווארדן איין פור גילשי בעקיר, דעם ערן רילי איין חצי טוציט לעפיל.

יום ג׳ כף אדר הוט מן דעם פפייל בעקיר געבן וועגן פסח מעל איין כסף לעפיל.

יו׳ ו׳ כ״ג אדר ראשון שצ״ו הבין עירוני׳ איין שוטר היריין גישיקט אן קהל אונ׳ איין זקיטרייא פון דעם אובערישטי לייטן אמפט ראנפט מיט זיך גיברויכט, מן זול אים אן זיהנליך געבן ה׳ מאות ע״ה זהובי׳, אז מן תיכף ער לינן מוזין, הוט מן ה׳ מאות זהובי׳ אויז שטרומרש יין מעות גינומין דרצו.

יו׳ ד׳ כ״ח אדר ראשון הוט מן וועלין געבן דעם ר״ע מעות הוט עש ניט נעמין וואלין הוטש ווידר אן זעקיטריא גיוויזן, אונ׳ ב׳ פעמי׳ שוטר דעש וועגן הינן גיהבט, לעת ערב איז דער זעקיטריא היריין קומן אונ׳ מקבל גיוועזן אלף זהובי׳.

יו׳ ו׳ ר״ח אדר שני, הבין הפרנסים מענדלן[4]) אונ׳ דוד אופנהיי׳[5]), גומפיל שמש[6]) מיט גאנגן, גיליפירט עירונים אן געלט קס״ה זהובי׳ י״ב פין וחצי, אן פור גילטי בעקיר אונ גלעזיר פים י״ט מרק י׳ לוט דיא מרק ט׳ טליר טוט רס״ד זהובי׳ י״ד פ״ץ, אן ברוך פור גילט נ׳ מרק י״ג לוט וחצי, דיא מרק ח׳ טליר טוט מ״ו זהובי׳ וחצי רביעית זהוב, איז ס״ה ד׳ מאות ע״ו זהובי׳ י״ג פץ ו׳ פשיטי׳.

באותו פעם הוט דען עירון פולץ בשם עירוני׳ קהל פורגיהלטין אונ׳ אן גיצייגט איין דער פאר שטוב, דז מן זיך זול גיפאסט מכין אונ׳ געבין אלי וואוך ב׳ אלפי׳ זהובי׳ אונ׳ זול גירעכינט ווארדן פון דעם כ״ה נובעמבר ווש נון צום הויף שטאב גיהערט זול איצונדרט ניט גימעלט ווארדן.

יום א׳ ב׳ אדר שני הוט מן קהל יצ״ו ווידר בישיקט אונ׳ ר״ע פולץ איין פור גיהלטין, זיא זולין שריפטליכי חשבון ברענגן וואש מן אן געלט אונ׳ וואר געבן הוט, אונ׳ היום מושטין עירוני׳ כמה אלפי׳ געבן דער הלבין זולין זיך קהל מיט געלט גיפאסט מכין, דאן וויא מן זיא פרעסין ווארט, זא וואלין זיא קהל אך פרעסין אונ׳ די פראטאי . . . אך מיט איין פור נעמין.

---

1) Vgl. Sammelband III S. 26 Z. 31 u. IX S. 21.

2) Vgl. das. III S. 27 Z. 27 u. IX ibid.

3) ראש עירון.

4) Vgl. das. III S. 16 Z. 25 u. IX S. 16.

5) Vgl. das. Z. 35 u. IX ibid.

6) Vgl. das. III S. 15 Z. 12 (IX S. 15 falsches Datum).

יו׳ הנ״ל הבן עירוני׳ איין ביט בריב אן אובירשטן וועביל גישריבן מן זול אין מאה ריקי׳ אונ׳ בינעבן דיא אופיצירן צו געבן דז זיא יהודי׳ כופה זיין איר געלט צו געבן, איז איין העתקה דא מכתב ההוא.

יו׳ ג׳ ד׳ אדר שני הוט זיך דער ראש מרצה גיוועזן אין דיא ריקים צו געבן אונ׳ הבין עירוני׳ אים איין דיקרעט איבר געבן אויף ה׳ אלפים זהובי׳ דז מן אויך הוט מוזין דען דיקרעט, יעקב[1] אונטר שרייבן בשם הקהל, זא הוט מן צום דריטן מול מוזן די נתינה אויף היבן דען ראש צו ביצאלין.

יו׳ ו׳ פורים שצ״ו לפ״ק הוט מן דעם זעקיטריא בשם עירוני׳ געבן אויף דיא י״ב מאות זהו׳ דיא מן אין שאצונג חייב איז, ג׳ מאות ר״ט, הוט קוויטונג געבן אויף דיא ג׳ מאות ר״ט אונ דיא אלף זהו׳ אונ׳ תקע״ה זהו׳ דיא ער מקבל גיוועזן בשביל העירונים כנזכר לעיל בראש הדף.

יום ב׳ י׳ אדר שני שצ״ו הוט קומיסריא פול פשרה גימאכט מיט קהל יצ״ו מחמת פיזידירטן תבואה אין דער גם היט מן אים מרצה גיוועזן תשעי׳ פור דגן, הוט מן פון בעלי בתים נוך צעטיל נוך דיא ערלי׳ פיזידירטן הבין אויף גיהובן חצי רביעית מכור, איז יום ג׳ אונ׳ יום ד׳ י״ט אדר שני גיהולט ווארדן ס״ט מלטי׳ יו׳ א׳ כ״ג אדר שני ווידר ט׳ מלטיר אויף דעם ברייט הויז גיהולט ווארדן.

יו׳ ה׳ כ״ז אדר הוט דער פפייל בעקיר ריקי׳ גיברוכט אין דוד בית אונ׳ אין גימפלש בית, הוט מן מוזין נוך געבן י״ב מלטיר, איז אויז דעם מעשר גינומן ווארדן אונ׳ איין טייל אויז דעם חצי וירלינג דען מן ווידר נוך דעם פיזידיר צעטיל אויף היבט.

יו׳ א׳ כ״ג אדר שני זיינן ב׳ וועלד שרייבר הריין קומן בשם הזעקיטרייא[2] ווייש, הוט מן אין געבן מוזן אן אב שלאג דען י״ב מאות זהו׳ דז מן עירוני׳ שאצונג געלט חייב איז, שצ״ג זהובי׳ בינעבן דיא ג׳ מאות ר״ט דיא דער זעקיטרי׳ ווייש זעלברט אם פורי׳ אן גינומין הוט, איז ס״ה תתמ״ג זהו׳, הבין דיא וועלד שרייבר קוויטונג דריבר געבן.

עוד הוט מן יו׳ ג׳ י״א אדר שני דעם סיניאר[3] אין בייא זיין פולק אונ׳ ר״ע קארנליוס אין דער אוידיענץ געבן אן אבשלאג דען י״ב מאות הנ״ל איין קוויטונג פון פפעניג מיינשטר פון שפייאר, דז קהל פור עירוני׳ אויז געבן צ״א מלך טליר וחצי, עו׳ חצי ר״ט מוגה דעם וועניל שליח דער דען חילוף גימאכט הוט.

יום ב׳ כ״ד אדר שני שצ״ו זיינן השתדלני׳ הפרנס כהר״ר יעקב גינץ שי׳ וכהר״ר עקיבא[4] שי׳ אנוועק גיריטן אויף דער פושט נוך היילברון צו.

יום ב׳ כ״ד אדר הבין ר׳ שמעון אונ׳ אייזק גיליפרט דעם רעגימנט שולטיז, פון ראש וואביל אן דער נתינה ה׳ אלפי׳ זהו׳ דיא מן מרצה הוט גיוועזן יו׳ ג׳ ד׳ אדר שני, י״ט מאות ארבעי׳ זהו׳.

יו׳ ג׳ כ״ה אדר הוט מן דען ראשי׳ בכלל אצל הראש וואביל גיליפרט דז כסף בערך ב׳ אלפים איז נוך ניט גיחשבנת.

---

1) Jakob Ginz oder Günzburg; vgl. unten und Sammelband III S. 17 Z. 14.

2) Sekretär.

3) Signore.

4) Vgl. Sammelband III S. 36. 17 Z.

יום ד׳ ד׳ ניסן הוט מן דען רענימענט שופט ביצאלט דז עש צו זאמין ה׳ אלפי׳ איז, ביז אויף חמשי׳ זהו׳ איז מן אים חייב בליבן איז אביר דעש רענימענטש שופט זיין זילבר נוך ניט גירעכנט, דיא חמשי׳ זהו׳ אך ביצאלט װארדן.

יו׳ ב׳ כ״ד אדר שני הבין עירוני׳ דעפוטירטן פולין אולמר קלימינוט ווידר נוך פרנסי׳ גישיקט אונ׳ איין חשבון פון אין ביגערט, זא הוט מן איין חשבון גיברויכט אל דז מעות דז בקרוב איז דען ראשי׳ אירנט וועגן אונ׳ אך אין זעלברט גיגעבן װארדן, בתוך הדברי׳ זיא גיזגט מן זול נוך מ״ד אלפי׳ געבן קושט שון ד׳ פעמי׳ מאה אלפי׳ זולין דז שביעי׳ פון מקום געבן, השיבו הפרנסי׳ דוד יעקב ר׳ מיכל[1]) מיר קענין ניט אונ׳ געבן ניקש וויטרש, הבין עירוני׳ בתוך הדברי׳ גידוכט װארום מאיר הוניק זיין בן ניט זיין איין קויף געבן השיבו זייא ניט עירון היא, הבין זיא משיב גיוועזן, ווער אין הייש אנוועק ציהן וועון ער ניט אב גיקויפט ווער דער לייב אייגן שאפט וועגן, דורך קיינר קיין קינד אנוועק געבן ביז ער גיקויפט ווער, השיב יעקב, מיר גישטיין דיא לייב אייגן שפט ניט, איז אך אנזא ניט טיישט, בתוך הדברי׳ הבין יהודי׳ מזכיר גיוועזן וויא ר׳ יעקב אנוועק זיין, השיבו ווער אין הייש אן רשות דער עירוני׳ אנוועק ציהן.

יו׳ ד׳ כ״ו אדר שני הבן עירוני׳ ווידר איין שוטר הירייז גישיקט מן זול אין נוך פורמיטטג ברענגן אויף חשבון ה׳ מאות זהובי׳ השיב דוד פ״ה[2]) מן קאן קיין געלט גרינגן אונ׳ ווישן קיינש צו גריגן מיר קענן ניקש געבן.

יו׳ ה׳ כ״ז אדר שני הבין עירוני׳ נוך פרנסי׳ גישיקט זיינן קומן דוד ר׳ מיכל יעקב יחיאל[3]), הוט איהנן פור פורגיהלטן מן העב אין אופטר מול פור גיהלטן אונ׳ איין גיצייגט איר זולט דז שביעית פון מקום געבן, זייט אלצייט ארבעי׳ אלפי׳ ויותר הייב, דער הלבן זולט איר נוך היום ב׳ אלפי׳ געבן אונ׳ מחר ווידר געבן ב׳ אלפי׳, וואו ניט הב איך ביפעלך אייך צו תפסן, זיא משיב גיוועזן מיר קענן ניקש געבן איז ניט מיגליך מיר זיינן דעם וואביל נוך חייב, לסוף הוט ער ר״ע גיזגט איך זול אייך אלי׳ ח׳ תפסן זונדר ב׳ ווידר היימן צו שיקן, נון זיין ניט מער אז ד׳ קומן, וויל איך דוד ווידר היימן גיין לוזין, אונ׳ דיא אנדרן גיתפסת.

יו׳ הנ״ל הוט דער פפייל בעקיר ריקי׳ גיברויכט אין דוד בית אונ׳ גומפיל בית, וועגן דיא י״ב כור דגן דיא מן חייב איז אן דען צ׳ כור דעם קומיסריא, אונ׳ גומפיל וועלן אין אייזן שליסן לוזין.

כהיו׳ יו׳ ו׳ כ״ח אדר הוט מן זופליצירט אן עצה וועגן דז זיא פרנסי׳ גיתפסת הבין, איז דער בישייד דהויף ער גאנגן, בזו השעה מכין עירוני׳ איין זופ־ ליקאציאן אן אובירשטי ראנפט דז מן עירוני׳ ריקי׳ פור פולגן לוזין יהודי׳ צו פרעסין, אונ׳ דער ראנפט איז ניט היא גיוועזן נייארט צו שפייאר, זא איז מן צום אובירשט וואכט מיינשטר גאנגן, זא הוט ער דיא איבר ווישונג פון עירוני׳ גיוויזן, אויף ד׳ אלפי׳ שצ״ג זהו׳ וואל זיא דעם הערציג ברענגן, וואל דוך דז בעשט דר

---

[1]) Vgl. Sammelband III S. 14 Z. 29.

[2]) פרנס החדש.

[3]) Vgl. das. III S. 19 Z. 16 u. IX S. 18.

בייא טון, לעת ערב איז דער ראנפט קומן, למחר אם שבת קודש איז מן צום וואכט מיינשטר ווידר גאנגן הוט ער גיזאגט העב געשטרן מיט דעם הערציג גירעט אונ' דיא איבר ווייזונג גיוויזן, הב ער משיב גיוועזן וועל ניקש מיט יהודיי צו טון הבין, וועל ניקש פון זיא איין נעמין, זול דוך דיא איבר ווייזונג בייא זיך הלטן ביז דער ראנפט קומט, ער זייא געשטרן קומן מן זול צו אים גין, אלזא הוט מן אם יו' ו' איין זופליקאציא אן הערציג מכין לוזין אונ' אם שבת קודש אן געבן, דער הערציג זיא תכף דעם ראנפט איבר געבן, איז מן בייא דעם ראנפט גיוועזן, אונ' אין דעם דז יהודיי זא בייא אים זיין איז רילי אנייך גילופין אינש חדר אן רשות אונ' זיך זער דער בלאכט, אונ ר"ע אונ' אולמר נוך קומן, זיין יהודיי הירויז קומין אונ' אויף גיווארט ביז זיא אנוועק גיוועזן, הוט ער מבטיח גיוועזן, דיא איבר ווייזונג ניט אן צו נעמין אונ' עירוני' אך קיין ריקי' צו געבן.

. . . . . . . . . . (כאן חסרו איזה דפין)

יו' ג' ח' אייר הוט וואביל גישיקט נוך פרנסים אונ' איינן פור גיהלטן, דער ווייל דיא קצבי' יהודיי חייב זיין פור אוקסן ג' מאות ר"ט דעם פרונקן (יש אומרי' ער וואביל העב חלק דראן) אונ' קצבים הבין דעם הערציג פלארענץ דיא אקסן געבן, הוט זיא דער הערציג אן עירוני' גיווישן זולן זיינט וועגן דיא ג' מאות ר"ט צאלין, אונ' עירוני' הבין אויף פרנסי' גיווישן מן זייא אין חייב, זולינש ביצאלן, דער האלבן זול מן אין ביצאלין, וואו ניט וועל ער תיכף ריקי' אין דיא גם שיקן, גלייך דעם אובירשט וואכט מיינשטר ביפולין, הוט מן מחמי' יראת הריקי' מוזין פור שפרעכן קהל יצ"ו גוט צו מכין אונ תכף ראש הבית ב' ר"ט אויף ניהובן דר צו, זיינן יו' ב' י"ד אייר גיצאלט ווארדן, זא הוט מן קצבי' פור גינומין, הבין ת"כ[1]) געבן אונ' אן בני ישיבה גישטעלט איר טענות אב צו הערין דער געגען ווש נון בני ישיבה דרויף ערקענט וואלן זיא נוך זעצן.

יו' ו' י"א אייר בהשכמה צו תהלים קאם דער טֶער מיט ד' קאפראלא[2]) ב' פון ראנפט ב' פון וואביל, אונ' תכף אין דוד פרנס החדש בית מן זול אים ד' פודיר יין געבן פור דיא ב' ראשים, דיא נכט דער פור סמוך ללילה הוט דער ר"ע עז אן גצייגט, למחר תכף דז דרויף, איז מן צום ראנפט גאנגן, ער זייני ב' קאפראל הולין לוזין, ער ביגער קיין יין פון יהודיי ניט, זא איז דער טער צום וואביל גאנגן אונ' זיין רשעת גרעט הוט ער יהודיי גיזגט ווייל דער ראנפט זיין שענקן בין איך וואל צו פרידן, וויל אביר מיין וויין פון אייך הבין, ביני ביני הוט דער קומיסריאן צו עירוני' גישיקט זולין יהודיי צופרידן לושן מיט וויין וכל דבר, זיא אביר ניקש דרויף געבן אונ' שיף הניזכן[3]) קומן בשם העצה מן זול נוך י"ג פודיר צו דען ז' געבן, מן הוטש ניט וועלין טון אליין דיא ג' פודיר וחצי דעם וואביל הוט מן צו אנגדר גיזאמילט, לסוף הוט שיף הניזכן עירוני' ריקים מיט גיברוכט עש וועל בכח אין קעליר אונ' אן גיהובין אן זוסמן בלין[4]), ער זיין בית

---

[1]) תקיעת כף.

[2]) Korporalen.

[3]) Schief Hannes'chen.

[4]) Vgl. Sammelband III S. 14 Z. 25 und IX S. 14.

צו גישלאסן, הבין אים דען פענשטער לאדין אויף גיברוכן, זא הוט זיך דער קווארט אין דער גם דריין גילינגט אונ׳ ניט ליידן וועלן דז דיא איין כח טונן, ביני ביני איז דער קומיסריא אונ׳ אך דער דאלבורגר צום ראנפט גאנגן אונ׳ בדיעה גיהבט דיא ריקי׳ בכח הינויז צו שלאגין, הבין די עירוני׳ איר ריקי׳ הולין לזין, זויא מן שולין גין וועלן קאם דער טער ווידר מיט איין קאפיטין אונ׳ י״ב ריקי׳ פום וואביל אין דור בית מן זול דעם וואביל דיא ג׳ פודיר וחצי יין געבן, יהודי׳ גיזוגט, מן העב זיא דוך הייט געבן, לסוף דער טער מודה גוועשט זיא העטן אין אין דאז קאמים גיפירט העטן גימיינט וואלן בייא יהודי׳ נוך ג׳ פודיר וחצי הירויז ברעסין, דער קאפיטין ברוגז גיווארדן איבר טער דז ער אין מיט שקרי׳ בירכט הוט אונ׳ תכף מיט די ריקי׳ הינויז גאנגן.

יום ש״ק הבין עירוני׳ ווידר שיף הגיזכן בדרך בקשה גישיקט מן זול אין דוך דיא ג׳ פודיר וחצי נוך געבן, קהל עש .... ביז יו׳ א׳, יו׳ א׳ דער קומיסרי׳ הירייץ גישיקט קיין טראפין צו געבן, זיין עירוני׳ צו אים גאנגין אונ׳ גיבעטן ער יו׳ ב׳ ווידר הירייץ גישיקט מן זול אין ב׳ פודיר געבן הבין עש אך טון מוזין.

יו׳ ב׳ י״ד אייר זיינן עירוני׳ אויז דעם עצה בית איר פלאקירונג[1]) אויף גיטון ווארדן אבר למחר דעם ר״ע ריקי׳ אין בית גילינגט אונ׳ אין דרינן משמר גיוועזן ניט דורפן אויז גין אז וויא איין תפוס אונ׳ ניקלים וואלטיר בייא דעם ר״ע . . . אונ׳ רילי אין זיינם בית ג״כ אנזא אונ׳ יורדיז בייא אים, אונ׳ דער רוש עירון ג״כ אין זיינם בית.

יום ו׳ כ״ה אייר זיינן דיא עירוני׳ אויז פרייא גאנגן ווידר אונ׳ לעת ערב ג׳ אויער דער ראש עירון קארנילויש אין זיין גארטין אין בייא זיין רילי, נוך פרנסי׳ גישיקט איינן אן גיצייגט, זולן ווידר ה׳ אלפי׳ זהו׳ געבן, פרנסי׳ ניקש מרצה גיוועזן, אם ש״ק הוט זיך דער ראש ראנפט גענגן חיים ורנקבורט עטוויש מראה פנים גיוועשט אז ווען ער יהודי׳ יוא וואל איין נעמין מיט איינר איבר וויזונג זא איז מן יו׳ א׳ צו אים גאנגן אונ׳ גיבעטן הוט ניט רעכט יוא גיזגט, איז אפשר אויף עטוויש אויזין גיוועזן, זא הוט יעקב פרנס דען זעלבן גנצן יום בבית הערציג אויף גיווארט דז עירוני׳ ניקש ערלאנגין מעכטי בייא אים, אז אך רילי קומן איז, הוט יעקב גיזיהן, איז ניט פור קומן, זא הוט מן דען דלבורגר ער בעטי איז צום ראנפט גאנגן אונ׳ יהודי׳ הלבן גיבעטן אין מבטיח גיוועזן וועל זיא ניט איין נעמין, לעת ערב איז דער הערציג אנוועק דעם מלך אנטגיגן זול נוך צו וולירשטיין זיין, יו׳ ב׳ איז מן ווידר צום ראנפט גאנגן, ער מבטיח גיוועזן וועל יהודי׳ ניט אן נעמין אונ׳ עירוני׳ קיין ריקי׳ צו געבן וויא זיא פון אים ביגערט הבין, דער הערציג העבש אים אך אנזא ביפולין, אליין דער וואביל מעכט זיך יוא מרצה זיין אונ׳ יהודי׳ אן נעמין זא מעכט וואביל מעזת גרינגן אונ׳ ער ניט, דז מעכט אין יוא פיר דרישין, זא איז דער דלבורגר צום וואביל אך גאנגן אונ׳ וואביל אין אך מבטיח גיוועזן ניט אן צו נעמין, אונ דער ראנפט עירוני׳ איר איבר ווייזונג ווידר גישיקט וועל מיט יהודי׳ ניקש צו טון הבין, זיא זולן אין צאלין, זא הוט קהל איין מוסכם

---

[1]) Blockirung.

נימאכט, יעקב אונ׳ ווייבש אושטהובן[1]) צום מלך צו שיקן, זיא זיך אך נערישט מחר יו׳ ג׳ אויף צו זיין, למחר יו׳ ג׳ הוט מן צו טון גיהבט דז מן מאה טליר גיזאמילט הוט צידה לדרך, איז כל היום דרויף גאנגן, ביום ד׳ ר״ח סיון בהשכמה הבן עירוני׳ אירי ריקי׳ ווידר גישיקט אין דיא רחוב אונ׳ דיא פפורטן פלאקירט[2]) דז קיין ב״י אין יוצא, אום ז׳ ח׳ אויער הוט שַינמן גישיקט נוך פריישבך, דא ער קומן איז אים ביפולין צום מ״ל[3]) צו גין אונ׳ אן צייגן, איז עבין מ״ל דיא נכט דר פור פון שפייאר קומן, דען יום ו׳ שעבר הוט וולימרוט נוך מ״ל גישיקט זול צו אים גען שפייאר זא הוט מן אים דיא זופליקאציאן אן מלך יר״ה מיט געבן, אונזר זכין בעשר מחזק צו זיין, הוט אין אביר ניט צו שפייאר אן טראפין דען וולימרוט[4]) גם יעניראל גאליש זיינן אם שבת צו נאכט אנוועק דעם מלך גען וולירשטיין אנטגעגען, אם שבת הוט בול איין שליח מיוחד צו מ״ל גישיקט וועגן דער וויזונג איין כתב אן מ״ל גישריבן אונ׳ איין כתב אן וולימרוט גישריבן וויא עירוני׳ ניקש אויף זיין ציווה געבן אונ׳ ווידר ה׳ אלפי׳ הייש[ן], זא הוט מ״ל דיא כתבי׳ דעם וולימרוט נוך גישיקט אונ׳ אים דער בייא גישריבן וועגן ב״י דעש בעשט בייא דעם מלך יר״ה צו טון, נון דא מ״ל אונזר פלאקירונג גיהערט תכף צום בול גאנגן אונ׳ אין מזרז גיוועזן זיינן כתב אונ׳ ביפעלך נוך צו קומן, אונ׳ מיט אנגדר צום דלבולגר גאנגן, ט״ט וולינדורף זיין נוך ניט היא, אונ׳ תכף אלי ג׳ צום ראנפט גאנגן וואביל אונ׳ אך הין גיברוכט, זא הוט וואביל תכף צום דלבורגר גיזגט, ברודר הב איך דיך דען יודין דורך דען קווארטן[5]) ענטביטן איך וויל דעם קומיסרי׳ געבן ריקי׳ זא פיל ער וויל אונ׳ זול זיא הינויז שלאגין אונ׳ אויז ציהן, אנזא הייבט ראנפט אן, ברודר ניט זא שטרענג וואלן דרויז רידן, הבין נושא ונותן מיט אנגדר גיוועזן דיא ראשי׳ אונ׳ דער דלבורגר אונ׳ מ״ל אונ׳ קומיסריאן, ביני ביני איז מיטטג גיוועזן, איז איטליכר צו זיינר אכילה גאנגן, לאחר אכילה זיין זיא ווידר גאנגן הוט עבין דער וואביל וואלן אנוועק רייטין, זא זגט דלבורגר צו אים ברודר ווער ווארט מייני יודין העלפין, הוט וואביל משיב גיוועזן ברודר איך הב שון איינם קאפיטין ביפולין מיט דיר צו גין אונ׳ ריקי׳ זא פיל דוא ווילשט, לסוף זייני זיא צום ראנפטן ביחד קומן אונ׳ נושא ונותן גיוועזן, הבין נוך דעם ר״ע גישיקט זול צו אין קומן, ער ווידר אנטבוטן זייא עצה קען ניט אב קומן, דוך וואן עס נוט זייא, זא וואל ער קומן, זיא ווידר גשיקט וואן ער ניט קומן וויל זא וואלן זיא צו אים קומן, הבין עצה תכף איר מלומד אוישוואלד[6]) גישיקט אונ׳ זיין בקשה גיטון, פור הוף[7]) ניט דז מן אין דיא מיטיל נעמין וואר, דיא וווייל דיא יודין מיט לייב אונ׳ גוט דער שטט פור האפט אישט, זא היבט דער מ״ל צו אים אן בפני הראשי׳ מן גישטייט ניט איין הָאר, עש

---

1) Vgl. Sammelband III S. 16 Z. 28 und IX S. 16.

2) blokirt.

3) משנה למלך?.

4) Wallmerode (war Kriegskommissär).

5) Garde.

6) Oswald.

7) Verhoff.

שטיט דרינן דען איטרעזירטן ניקש בינומן, וואן זיא אנזא פור פארין וואו וועלטן זיא איר אינטרעזי גרינן, זא נאם דער דאלבורגר דען בישייד דער מהקיסר זול גיפערטיגט ווארדן אונ' זגט צום עירוני' מלומד וויא ווארט אייך דז שמעקין וואן דז רעכט פור פערטיגט ווארט זיין, ווי̇ר ווארן אייך ווישן ווער איבר יהודי' צו גיבוטן הוט איר אודר מיר, לסוף ווער דער שלום ער זול עירוני' זגין זול דיא ריקי' אב הולין אודר ווארדן עטוושׂ אנדערן ערפארין, גענגן ג' ד' אויער הבין עירוני' איר ריקי' אב הולין לווין הבין דען יום פור צצרט י"ג ר"ט מן הוט אין מוזין איטליכם אפילו דען ריקי' דיא זיא אונטר דער מינץ ביהלטן הבין, איטליכם איין ליט' בשר ב' ליט' לחם ב' מדות יין געבן, אונ' ד' קאפראל אונ' וועלד וואביל[1]) כפל — יום ד' ר"ה סיון לעת ערב איז יעקב מיט אייזק בן מענדלין אונ' ישעל[2]) ר' אהרן[3]) צום מלך יר"ה אונ' הבין אייער זופליקאציאן למלך יר"ה אויף גלהות אונ' יהדות מיט גינומן, אונ' עירוני' הבין איר מלומד קלימינוס אונ' מרשטאליר אך הינויף צום מלך גישיקט — יום ב' כ"ג סיון איז יעקב ווידר קומן.

יו' ראשון של שבועות זיין דיא וואבילישי רעגימענט אנוועק גיצוגין אויף שפייאר צו.

יו' ו' י' סיון איז דעש הערציג פלארעניץ זיין רעגימענט אך אנוועק גיצוגין אויף שפייאר זיין און גיפער ב' ג' מאות אים מקום בליבן.

דער ווילם לעדיר קרעמיר הוט פליטה גימאכט, הבין עירוני' דען ראש אויף קהל פור ווישן ג' פעמי' ס' ר"ט מוזין דעם ראש געבן ווענן לעדיר קרעמיר וואכן געלט פור קווארטיר.

יו' ב' כ"ף הבין עירוני' הבטמן מַז אויף יהודי' גיוויזין עטליכי חולי' לחם ויין צו געבן, הוט מן אין מוזין געבן פור ג' ימים ו' מאות ליטר' לחם אונ' יין.

יו' הנ"ל הוט הבטמן . . . . עירון פולץ ריקי' אינש בית גישיקט מחמי' ער עירוני' ז' כור דגן גליך (?) פור לנג, ער פולץ דיא ריקי' אינש פרנס החדש בית גישיקט אונ' איין דיקרעט מעצה יהודיי זולין זיא ביצאלן, הבין מוזין ע"ז זהו' דר פור געבן.

יו' ה' אונ' יו' ו' ווידר בכל יום ב' מאות ליטר' לחם געבן אונ' יין.
יו' ב' כ"ז סיון ווידר ב' מאות ליטר' לחם געבן מעו' דר פור אונ' יין.
יו' ג' יו' ד' יו' ה' ר"ח תמוז בכל יום ק"ן ליטר' לחם געבן.
יו' ו' ר"ח יו' ש"ק ווידר מעות פור לחם בכל יום ק"ן ליטר' געבן.
יו' א' יו' ב' יו' ג' געבן ג' כור קמח.

יו' ג' י"ב תמוז שצ"ו דיא זלפי קווארדיי[4]) דורך קמיר שליח אן גישלאגין אונ' לעת ערב דוך לסיועת הפולאקן מוזין ה' מאות כ"ה ליטר' לחם געבן הבין

[1]) Feldwebel.
[2]) der schielende.
[3]) Vgl. Sammelband III S. 28 Z. 26 und IX S. 23.
[4]) Sauvegarde.

פור גיזנט מוז ט״ו אלפי׳ ליטר׳ געבן, זול קהל אלף ליטר׳ דרך הלוואה הערגבן, זול אין ווידר ביצאלט ווארדן, זא הבין זיא משקר גיוועזן הבין נורט ה׳ אלפי׳ ליטר׳ זולין געבן, הבין עש הכל ווידרגריגט יהודי׳ דוך ניקש ווידרגעבן.

יו׳ ש״ק פר׳ פינחס י״ו תמוז שצ״ו הבין עירוני׳ הירײן גישיקט ב׳ יונגי׳ עירוני׳ אונ׳ ב׳ כופריי׳ אונ׳ אויף גישריבן אלי בעלי בתי׳ אונ׳ אירי נשים אונ׳ אירי קינדר דיא י״ב שנים אלט זיין אונ׳ משרת בחור פלצול אפי׳ געשט אונ׳ נכריים דיא היץ וואנן.

יו׳ ב׳ כ״ה תמוז עירוני׳ ווידר גיהיישין כור תבואה א׳ אום[1]) יין בכל יום ניהיישין אפי׳ לשעבר, מן זול אים מחר תשובה זגין.

יו׳ ג׳ כ״ו תמוז הבין עירוני׳ ווידר נוך תשובה גישיקט, אין משיב גיוועזן מן קען ניט מער געבן, הבין זיא לאחר חצות בלעטין גימאכט אונ׳ עטליכי ריקי׳ אין ריא רחוב לאזירט איז מן צום קומיטאנט[2]) גאנגען אונ׳ אים גיקלאגט, ער תכף זיא הולין לוזין.

יו׳ ד׳ זיא ווידר בלעטין גימאכט אונ׳ פור מיינט קומיטאנט צו איבר ריידן אין ריקי׳ געבן איז ניט גישעהן, אום ד׳ אויער דער פפייל בעקיר מיט שלוסיר אונ׳ זק טרעגיר ריקי׳ פור לייט[3]) קומן וואל כ״ף כור דגן הולין בכה, איז אך דורך קומיטאנטי ועלד וואביל גיווערט ווארדן.

יו׳ ה׳ איז דלבורגר מ״ל ורײשבך בייא זמין גיוועזן אונ׳ פרנסי׳ בייא אינן אונ׳ דען קומיטאנט רופין לוזין אים דיא כתבי׳ גיוויזן, הוט ער פור היישין קיין כח לגמרי צו ליידן פון עירוני׳ ביז זיא אנדרי כתבי׳ מעכטי ברענגן, אונ׳ פריישבך דען עירוני׳ איין כתב מקיר״ה אינזינירט[4]).

יו׳ ב׳ ג׳ אב דען זעליגמן בן מענדלין פרנס צום מלך גישיקט אונ׳ אן אין זופליצירט זול ניט אויז קיר״ה כתבי׳ גיין אונ׳ דען עירוני׳ ניט כתבי׳ אויף ב״י געבן.

איז ווידר קומן יו׳ ד׳ י״ב אב אום ג׳ אויער צייט, דייא דעם מלך זעלברט לידו קומן.

יו׳ ג׳ ד׳ אב דיא קומיסריי׳ גיזעשן אונ׳ יהודיי׳ אין איין צעטיל געבן וויא פיל הויזגיזעש אין דער גס זיין אונ׳ אלי ערכות אין דער גס אויף גיהובן צו זייהן עד כמה יגיה (so) בערך.

יו׳ ו׳ ז׳ אב איז הגדה קומן דז קומיסריי׳ בול איין בריב ווּלימרוט צו נישריבן אונ׳ זיין בידונקן ניזעצט יהודיי׳ דז י״ד ט״ו חלק אים מקום צו געבן לסיועות המלחמה, וועלכש ב״י פיל צו שווער גיוועזן ווער, אונ׳ הוט עש גיטון בלא ידיעת חבירו קומיסריי׳ מאלצײ, אונ׳ יענר זיין רצון ניט דער בייא גיוועזן אך ניט אונטר חתמנט, זא הוט מן תשעה באב בהשכמה ליב אופני׳ צו ווּלימרוט גישיקט מיט איינר זופליקאציאן, זיין פסק ניט אן צו נעמין אונ׳ ניט פור גוט

---

1) Ohm.

2) Kommandant.

3) Fuhrleute.

4) insinuirt.

הלטן, איז יו' ו' י"ד אב ווידר קומן, איין כתב אן בול זול יהודיי אין שוץ הלטן אויף בעשט אונ' דיא קומיסיאן נימן רירן נייארט דעש קיר"ה כתבי' נוך צו זעצן.

יו' ב' י"ז אב איז יעקב תופס ווארדן.

יו' ג' כ"ה אב זיינן מענדלן אונ' ר' מיכל גען מעץ אונ' כתבי' מיט גינומן זול דער הנמון חתמנן לקיר"ה שיקן. באותו יום לאחר חצות עירוני' קהל ווידר לחם ויין גיהיישין, איז אביר בתיקו בליבן, זיינן יו' ו' הירנוך ווידר קומן אונ' הכתב ברצונם גיברוכט.